לאה ראָבינסאָן

## אַן אומגעריכט באַגעגעניש מיט אַ געזעמל
## זעלטענע און גאָר אַלטע ביכער

כ׳טו אַ הויכן נאָס, ״אַפּטשו!״
דערהער איך ערגעץ, ווי פֿון אַ בת־קול,
דאָרט אויבן, ווו דאָס קליינע פֿענצטערל
באַוויַזט מיט רויזנפֿאַרבן, אַז די זון
פֿאַררוקט זיך שוין צו מערבֿ——
״אַסותא!״

יאָ, איר ביכער, זײַט מיר מוחל,
נעבעך, איר זײַט זייער, זייער שטויביק!
פֿאָרט קוויק איך זיך
סײַ מיטן טרעפֿן זיך מיט אײַך
גלאַט אין אַ פּראָסטער מיטוואָכדיקער שקיעה,
סײַ מיט אײַער השערהדיקער
קדמונישקייט.
דערצו דערבליק איך רגעדיק בײַ אײַך
גאָר אַ בלישטשל יונגקייט——
אַן אַנונגל, אַ רמז בלויז
(באַרעמט ווי אין אַ קליינער שליסללאָך)
פֿון אַ ווײַטער, שיינער לאָנקע,

באַמיניעט מיט קווייטלעך העל-קאָליריק,
באַטשירקעט מיט גראָזגרילן און ציקאַדעס.

כ'הער און קוק פֿרוסטרירט, אין טעמפּער שטומקייט,
ווײַל איך פֿאַרמאָג
קוים-קוים אַ קענטשאַפֿט-שליסל צו אײַער תּוכן,
און דערפֿאַר שטעל איך עס זיך אָפּ
אויף אײַער חצוניות, אויסגעמישט
מיט נאַרישע חקירות מײַנע, וואָס איר זײַט.

איר זעט מיר אויס ווי מעכטיקע מכשפֿים,
וואָס טראָגן אויסגעשטערנטע כאַלאַטן,
נאָר כ'קען די שפּרוכן אײַערע ניט פֿאַרשטיין.
איר זײַט מיר אויך ווי עלטער-זיידע-באָבעס
פֿון ווײַטע לענדער און נאָך ווײַטערע צײַטן,
לאַנג, לאַנג געזוכט בײַ שטאָק און שטיין, אומזיסט,
און אָקערשט אָפּגעזוכט, אָבער נאָך אַלץ
ניט אַזוי באַנומען, ווי דערפֿילט.

אפֿשר וועל איך מיט מזל נאָך דערלעבן
אײַך קלאָר און גאַנץ צו זען ווי תּמוז-לאָנקע
ווען מע שטייט אין מיטן פֿון איר געל-און-גרינקייט,
און קלאָר און גאַנץ צו האָרכן ווי דעם ניגון
אין ווילדן וואַלד בײַ נאַכט פֿון סאָלאָוויי.

דאָ אויף דער פּאָדלאָגע,
וואָס איז אויך היפּש פֿאַרשטויבט,
פֿאַל איך פֿאַר אײַך, מכלומרשט, כורעים,
אין דער אמתן--זײַענדיק נאָר אויסן
אַ גיכן לייען צו געבן אויך די טיטלען
וואָס אויף די נידעריקסטע פּאָליצעס,
די אײַנגעהילטע אין שאָטנס, שפּינוועבס-שלײַער.

פֿונדעסטוועגן קוק איך אויף אײַך
מיט אַ טיפֿן אָפּשײַ.
אַפֿילו דעם געדיכטן, גראָען פּאָרעך
אויף די שפּיץ פֿינגער
וואָס כ׳האָב אים פֿון אײַך אומגערן צוגענומען
און וואָס איך יאָג זיך איצט מיט טרעפּ אַראָפּ
אָפּשענקען אים וואָס גיכער אונטער קראַנט:

אַפֿילו דאָס טו איך, ווי מאָדנע,
ניט סתּם מיט לעבלעך וואַסער און מיט מולינעס,
נאָר אויך מיט אַ ווײַט גרעסערן דרך-ארץ
ווי ס׳איז בײַ מיר דער שטייגער.